# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.....................8:02
מוצאי שב"ק......................9:33

**שיעורים כסדרן**
נ"ך........................ מלכים ב יט-כ
בבלי.................... בבא מציעא צד
ירושלמי..................... פסחים יד
תוספתא..................... עדיות ג
רמב"ם.. מעשר שני ונטע רבעי ב

פרשת בחקותי, כ"ד אייר, מברכים חודש סיון, אבות פרק ה', שנת תשפ"ד לפ"ק
שנה 13, גליון 34 (652)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְאִם מָךְ הוּא מֵעֶרְכֶּךָ, וְהֶעֱמִידוֹ לִפְנֵי הַכֹּהֵן, וְהֶעֱרִיךְ אֹתוֹ הַכֹּהֵן, עַל פִּי אֲשֶׁר תַּשִּׂיג יַד הַנֹּדֵר יַעֲרִיכֶנּוּ הַכֹּהֵן. אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט גֶענוּג צוּ בַּאצָאלְן זַיין אָפְּשַׁאצוּנְג אוּן זַיין וֶוערְד, דַארְף מֶען אִים שְׁטֶעלְן פַּארְ'ן כֹּהֵן, אוּן דֶער כֹּהֵן וֶועט אָפְּשַׁאצְן וִויפִיל דֶער מֶענְטְשׁ קֶען גֶעבְּן אוּן בַּאצָאלְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ק"ו), דֶער גְרֶעסְטֶער אָרֶעמַאן אִיז דֶער וָואס הָאט נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן, אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז דִי גְרֶעסְטֶע רַחֲמָנוּת, אוּן דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אִיז וֶוען מֶען קֶען גֶעבְּן שֵׂכֶל פַאר דֶעם אָרֶעמַאן, אִים אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מַצְלִיחַ צוּ זַיין אִין לֶעבְּן. אוּן דִי זֶעלְבֶּע קֶען אַמָאל זַיין בַּיים מֶענְטְשׁ אַלֵיין, עֶר פַּאלְט אַרַיין אִין אַ קַטְנוּת הַמּוֹחִין, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן, דַארְף עֶר זִיךְ אַלֵיין אַרַיינְגֶעבְּן שֵׂכֶל בִּיז זַיין מֹחַ וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען, עֶר וֶועט הָאבְּן גַדְלוּת הַמּוֹחִין, אוּן וִויסְן וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן. אוּן דִי עֵצָה צוּצוּקוּמֶען צוּ גַדְלוּת הַמּוֹחִין אִיז דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען אִיז מְחַזֵק אַ צְוֵוייטְן, וֶוען מֶען שְׁטַארְקְט יֶענֶעם, וֶוערְט מֶען אַלֵיין אוֹיךְ מְחוּזָק. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים מ"א, ב') "אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל, בְּיוֹם רָעָה יְמַלְּטֵהוּ ה'", אַשְׁרֵי 'מַשְׂכִּיל' אֶל דָּל, ווארויל אִיז דֶעם וָואס גֶעבְּט אַרַיין שֵׂכֶל אִין אַן אָרֶעמַאן, בְּיוֹם רָעָה יְמַלְּטֵהוּ ה', וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין וֶועט הָאבְּן אַ שְׁוֶוערֶע טָאג, עֶר וֶועט אַרַיינְפַאלְן אִין אַ קַטְנוּת, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אוּן רַאטֶעוֶוען.

דָאס קֶען מֶען זֶען בְּחוּשׁ אַז דֶער עִיקָר פְּרָאבְּלֶעם פוּן אַן אָרֶעמַאן אִיז דָאס וָואס הָאט נִישְׁט קַיין בְּרֵייטֶע מֹחַ, עֶר אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק אַרַיינְגֶעטוּן אִין זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אַז עֶר קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן קַיין וֶועג אַרוֹיס, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא קַמָּא צ"ב.) "בָּתַר עַנְיָא אָזְלָא עַנְיוּתָא", דִי אָרֶעמְקֵייט לוֹיפְט נָאךְ דֶעם אָרֶעמַאן, טַאקֶע דֶערְפַאר וַוייל עֶר לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אַזוֹי שְׁטַארְק אִין זַיין אָרֶעמְקֵייט אוּן אִין זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, וֶוערְט אִים נָאךְ עֶרְגֶער אוּן עֶרְגֶער. דָאס רֶעדְט מֶען פוּן אַן אָרֶעמַאן וָואס הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אוּן זִיכֶער אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (נְדָרִים מ"א.) "אֵין עָנִי אֶלָּא בְּדַעַת", אֵיינֶער וָואס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁוֶוערִיקֵייטְן אִין לֶעבְּן אוּן הָאט נִישְׁט דִי שֵׂכֶל אוּן וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן דֶערְפוּן, אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה אוּן צְדָקָה אִים צוּ הֶעלְפְן אוּן מְחַזֵק זַיין, אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אַז עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְפַאלְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט נָאךְ הֶעלְפְן אוּן אַלֶעס וֶועט זַיין גוּט, עֶר זָאל זִיךְ נָאר נִישְׁט פַארְלוֹירְן אוּן אוֹיפְגֶעבְּן.

וֶוען מֶען גֶעבְּט גֶעלְט פַאר אַן אָרֶעמַאן, וִוי לַאנְג קֶען עֶר לֶעבְּן דֶערְפוּן? עֶר וֶועט קֶענֶען עֶפֶּעס קוֹיפְן צוּ עֶסְן פַאר זַיין פַאמִילְיֶע, עֶר וֶועט הָאבְּן אַבִּיסְל גֶעלְט פַאר זַיינֶע גֶעבְּרוֹיכְן, עֶס וֶועט אָבֶּער נִישְׁט נֶעמֶען צוּ לַאנְג בִּיז וֶוען דָאס גֶעלְט וֶועט זִיךְ אוֹיסְנוּצְן אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין ווִידֶער דַארְפְן צוּזַאמֶענֶעמֶען צְדָקָה. וֶוען מֶען גֶעבְּט אָבֶּער שֵׂכֶל אוּן הִתְחַזְקוּת פַאר אַ אִיד, קֶען דָאס טוֹישְׁן זַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן אוֹיף אֵייבִּיג, אוּן דֶערְפַאר אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה, זִיךְ אַרוּמְצוּדְרֵייעֶן שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ שְׁמֵייכְל, וָואס בְּלוֹיז מִיט דֶעם אַלֵיין קֶען מֶען שׁוֹין רַאטֶעוֶוען אַ צְוֵוייטְן, אוּן זִיכֶער וֶוען מֶען רֶעדְט נָאךְ צוּ יֶענֶעם, מֶען גֶעבְּט אִים גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן מֶען שְׁטַארְקְט אִים אוּן מֶען אִיז אִים מְחַזֵק, אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה.

וֶועט אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ אָבֶּער וואוּנְדֶערְן אוּן פְרֶעגְן, "אִיךְ אַלֵיין בִּין דָאךְ אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט, קוֹים וָואס אִיךְ קֶען זִיךְ אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הֶעלְפְן אוּן מְחַזֵק זַיין אַ צְוֵוייטְן?!", דֶערְפַאר דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִיק, דֶער צַדִיק הָאט דִי כּוֹחוֹת צוּ הֶעלְפְן יֶעדְן אִיד, ווַייזְן אַ וֶועג פַאר יֶעדְן אִיד, וִוי אַזוֹי עֶר קֶען זִיךְ אַלֵיין דֶערְהַאלְטְן, אוּן וִוי אַזוֹי עֶר קֶען נָאךְ אוֹיךְ מְחַזֵק זַיין יֶענֶעם, פְרֵייליךְ מַאכְן אוּן שְׁטַארְקְן אַ צְוֵוייטְן,

דָאס אִיז דֶער פָּסוּק אוּנְז מְרַמֵז, וְאִם מָךְ הוּא מֵעֶרְכֶּךָ, אַז אַ אִיד אִיז אַזוֹי אָרֶעם אוּן צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, אַז עֶר טְרַאכְט שׁוֹין אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, וְהֶעֱמִידוֹ לִפְנֵי הַכֹּהֵן, דַארְף מֶען אִים בְּרֶענְגֶען צוּם צַדִיק, וְהֶעֱרִיךְ אֹתוֹ הַכֹּהֵן עַל פִּי אֲשֶׁר תַּשִּׂיג יַד הַנֹּדֵר יַעֲרִיכֶנּוּ הַכֹּהֵן, דֶער צַדִיק וֶועט טְרֶעפְן בַּיי יֶעדְן אִיד אַ נְקוּדָה טוֹבָה, פוּן דִי זַאכְן וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ בַּיי אִים, קֶען עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵק זַיין, אוּן אוֹיךְ שְׁטַארְקְן אוּן הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דֶער צַדִיק בְּרֶענְגְט אַרוֹיס דִי גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת וָואס לִיגְט בַּאהַאלְטְן אִין יֶעדְן אִיד. (תּוֹךְ הַנַּחַל בְּחֻקּוֹתַי תשס"ח)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ גֶעפְּרֶעגְלְטֶער אִיד

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטֶער חָסִיד", דָאס בַּאדֵייט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעפְּרֶעגְלְט אִין צָרוֹת, אוּן דָאךְ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ אוּן עֶר בְּלַייבְּט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַזוֹינְס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ.

וֶוען מִיר זֶעֶען וִוי אַ שְׁטִיקְל פְּלֵיישׁ פְּרֶעגְלְט זִיךְ אוֹיפְ'ן פֵייעֶר, מֶען דְרֵייט עֶס אִיבֶּער פוּן אֵיין זַייט צוּם צְוֵוייטְן אַז עֶס זָאל זַיין גוּט גֶעפְּרֶעגְלְט פוּן אַלֶע זַייטְן, טְרַאכְטְן מִיר נִישְׁט אַרַיין וִוי דָאס שְׁטִיקְל פְלֵיישׁ פִילְט דָארְט אִין דִי הֵייסֶע אוֹיל, וִוי אַזוֹי שְׁפִּירְט עֶס צוּ וֶוערְן אָפְּגֶעבְּרָאטְן פוּן אַלֶע זַייטְן. אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ גוּט בַּאטְרַאכְטְן וֶועט עֶר זֶען אַז עֶר אַלֵיין

<<<<<<

## א גוט ווארט

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען גְלֵייבְּן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיב): "לְעִנְיַן הִתְחַזְּקוּת לְבַל יִפֹּל הָאָדָם בְּדַעְתּוֹ מֵחֲמַת רִבּוּי הַפְּגָמִים וְהַקִּלְקוּלִים שֶׁקִּלְקֵל עַל יְדֵי מַעֲשָׂיו", וֶוען מֶען טְרַאכְט 'וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר? אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל פּוֹגֵם גֶעוֶוען, אַזוֹיפִיל גֶעטוּן נַארִישְׁקֵייטְן', "עָנָה וְאָמַר", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִם אַתָּה מַאֲמִין, שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל", אַז דוּ גְלֵייבְּסְט אִין דֶעם אַז דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אוּן גֶעטוּן נַארִישְׁקֵייטְן - "תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", דַארְפְסְטוּ גְלֵייבְּן אַז דוּ קֶענְסְט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן; מִיר דַארְפְן גְלֵייבְּן אִין דֶעם, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועלְן מִיר קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ, דְרַאפֶּע זִיךְ, דֶערְהַאלְט זִיךְ, בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר נָאךְ אַ שַׁאנְס (גֶעלֶעגְנְהֵייט), בֶּעט זִיךְ אוֹיס, שְׁרֵיי זִיךְ אוֹיס: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין הֵיילִיג, 'אֲנַחְנוּ טְמֵאִים לְנֶפֶשׁ אָדָם', אִיךְ בִּין אַזוֹי אִין בְּלָאטֶע, אִיךְ בִּין אַזוֹי אִין דִי טוּמְאָה, 'לָמָּה נִגָּרַע', פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ? אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק"** - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ 'עִמְדוּ וְאֶשְׁמְעָה מַה יְצַוֶּה ה' לָכֶם' (בַּמִּדְבָּר ט, ח), וֶועסְט בַּאקוּמֶען אַ גְלֶעט פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּחֻקּוֹתַי תשפ"ד)



דער מולד וועט זיין: דאנערשטאג ביינאכט 25 מינוט און 9 חלקים נאך 12 | ראש חודש סיון יהיה ביום השישי

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

# לֶערְן אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער צוּ פְרֶעגְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַר, י״ג אִיָּיר, כ״ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד

מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, יֶעדְן שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים אוּן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען זֵיי זָאלְן נֶעמֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד זָאל זֵיי מַדְרִיךְ זַיין. לֶערְן אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז מֶען דַארְף פְרֶעגְן יֶעדֶע זַאךְ אוּן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען, אוּן נָאר אַזוֹי אִיז מֶען מַצְלִיחַ.

מִיר קוּמֶען נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, עֶס קוּמְט דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּרִיק כַאפְּן לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, אוֹיךְ אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, וַוייל ״אִם אַתֶּם מְקַבְּלִים אֶת הַתּוֹרָה״, אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, מֶען לֶעבְּט מִיט דִי תּוֹרָה - ״מוּטָב״, אִיז דָאס לֶעבְּן גוּט, ״וְאִם לָאו״, אוּן אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט נִישְׁט - ״שָׁם תְּהֵא קְבוּרַתְכֶם״, אִיז מֶען טוֹיט, מֶען אִיז בַּאגְרָאבְּן.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אִין מִירוֹן, אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל פַאר דִיר.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּחֻקּוֹתַי תשפ״ד)



אִיז אוֹיךְ אַזוֹי, דֶער מֶענְטְשׁ לִיגְט אוֹיךְ אִין בְּרֶענֶענְדִיגֶע הֵייסֶע אוֹיל, אוּן עֶר וֶוערְט גוּט גֶעפְּרֶעגְלְט פוּן אַלֶע זַייטְן.

עֶר זֶעט אַז עֶר אַלֵיין אִיז אוֹיךְ אַזוֹי, דֶער מֶענְטְשׁ לִיגְט אוֹיךְ אִין בְּרֶענֶענְדִיגֶע הֵייסֶע אוֹיל, אוּן עֶר וֶוערְט גוּט גֶעפְּרֶעגְלְט פוּן אַלֶע זַייטְן.

אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ גוּט בַּאטְרַאכְטְן וֶועט עֶר זֶען אַז עֶר אַלֵיין אִיז אוֹיךְ אַזוֹי, דֶער מֶענְטְשׁ לִיגְט אוֹיךְ אִין בְּרֶענֶענְדִיגֶע הֵייסֶע אוֹיל, אוּן עֶר וֶוערְט גוּט גֶעפְּרֶעגְלְט פוּן אַלֶע זַייטְן.

דָא כַאפְּט עֶר אַ בְּרִי פוּן זִיךְ אַלֵיין, דָא כַאפְּט עֶר אַ בְּרִי אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט פוּן אַ צָרָה בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים, דָארְט וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעבְּרִיט פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אַזוֹי וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעפְּרֶעגְלְט פוּן אַלֶע זַייטְן.

דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל זֶען וִוי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶערְמַאנֶען אַז עֶס דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר וֶועט גֵיין צוּ אִים. אַנְשְׁטָאט צוּ הָאבְּן טַעֲנוֹת אוּן קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס עֶר גֶעבְּט אִים דִי אַלֶע צָרוֹת, וֶועט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְן מִיט דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן, עֶר וֶועט נָאכְאַלְץ נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען בַּיי לָבָן הָאֲרַמִּי אוּן עֶר הָאט גֶעפַּאשֶׁעט זַיינֶע שָׁאף, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען אַז עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי שֶׁעפֶּעלֶעך וֶועלְכֶע זֶענֶען ״עֲקֻדִּים נְקֻדִּים וּטְלוּאִים״ - דִי שֶׁעפֶּעלֶעך וֶועלְכֶע הָאבְּן קְלֵיינֶע פְלֶעקְן, גְרוֹיסֶע פְלֶעקְן, אָדֶער פְלֶעקְן אוֹיף דִי פִּיס אַזוֹי וִוי דִי פִּיס וָואלְטְן גֶעוֶוען גֶעבִּינְדֶען אִין קֵייטְן.

יַעֲקֹב אָבִינוּ אַלֵיין אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַסַאךְ שְׁוֶועריִקְייטְן אִין לֶעבְּן, וִוי גְרֶעסֶער אַ צַדִּיק אִיז, אַלְץ גְרֶעסֶערֶע שְׁוֶועריִקְייטְן הָאט עֶר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט אִים אוֹיס אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טְרָאץ דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן. קוֹדֶם הָאט יַעֲקֹב גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן וַוייל זַיין בְּרוּדֶער עֵשָׂו הָאט אִים נָאר גֶעוָואלְט הַרְגֶ׳ענֶען, נָאכְדֶעם וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לָבָן הָאט עֶר גֶעהַאט צוּ לַיידְן אַסַאךְ צָרוֹת פוּן אִים אוֹיךְ. דֶערִיבֶּער הָאט יַעֲקֹב גֶעוָואלְט מְרַמֵּז זַיין אַז עֶר נֶעמְט דַוְקָא דִי שֶׁעפֶּעלֶעך וֶועלְכֶע הָאבְּן דִי פְלֶעקְן, דִי חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד אִיז וֶוען עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן סֵיי וֶוען עֶר הָאט קְלֵיינֶע פְלֶעקְן - קְלֵיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, סֵיי וֶוען עֶר הָאט גְרוֹיסֶע פְלֶעקְן - גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן סֵיי וֶוען עֶר הָאט דִי פְלֶעקְן אוֹיף דִי פִּיס, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶר אִיז גֶעבִּינְדֶען אִין קֵייטְן אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס זֶען פוּן זַיינֶע פִילֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן מִיט-דֶעם-אַלֶעם גְלֵייבְּט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אַז אַלֶעס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאר פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן עֶר גֵייט שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז גָאר חָשׁוּב אוּן טַייעֶר.

## וֶוער שְׁלָאגְט?

אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט אַז אַ טִיפֵּשׁ הָאט מוֹרָא פוּנֶעם שְׁטֶעקְן וָואס שְׁלָאגְט אִים, אַ חָכָם וֵוייסְט אָבֶּער אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס הַאלְט דֶעם שְׁטֶעקְן, אוּן פוּן אִים דַארְף עֶר מוֹרָא הָאבְּן.

וֶוען עֶס קוּמֶען צָרוֹת אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט רח״ל, עֶר הָאט צָרוֹת פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, עֶר הָאט צָרוֹת פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין שְׁוֶוערֶע חוֹבוֹת אוּן דִי בַּעֲלֵי חוֹבוֹת לוֹיפְן אִים נָאךְ, צִי סֵיי וֶועלְכֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריִקְייטְן אַ מֶענְטְשׁ גֵייט נָאר דוּרְךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט דֶער שְׁטֶעקְן וָואס שְׁלָאגְט, נָאר אֵיינֶער הַאלְט דֶעם שְׁטֶעקְן, עֶס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט מוֹרָא צוּ הָאבְּן פוּנֶעם שְׁטֶעקְן, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ פְּרוּבִּירְן צוּ בַּאשִׁיצְן פוּנֶעם שְׁטֶעקְן, אִיז עֶר זֵייעֶר נַארִישׁ, דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז צוּ גֵיין צוּ דֶעם וָואס הַאלְט דֶעם שְׁטֶעקְן אוּן זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן מִיט אִים, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אוּן אִים פְרֶעגְן וָואס דִי סִיבָּה אִיז פַארְוָואס עֶר שְׁלָאגְט אִים, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם שְׁטֶעקְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שְׁוֶועריִקְייטְן אִיז זַיין עֵצָה נָאר צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי אַלֶע צָרוֹת. דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (תַּנְחוּמָא תֵּצֵא ב) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אִים צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, וַוייל דִי יִסוּרִים שְׁלֶעפְּן אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי צָרוֹת דֶערְמַאנֶען אִים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן דַאן גֵייט דֶער מֶענְטְשׁ צוּ אִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים עֶר זָאל זִיךְ אַרוֹיס דְרֵייעֶן פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

ווִידֶער אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, עֶר מֵיינְט אַז דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען זֶענֶען פּוּנְקְט אַזוֹי גֶעשֶׁען, עֶר הָאט פּוּנְקְט גֶעהַאט אַ שְׁלֶעכְטֶע מַזָּל אוּן עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ פְּרָאבְּלֶעם, דַאן וֶועט דֶער פְּרָאבְּלֶעם נָאר עֶרְגֶער וֶוערְן. חֲזַ״ל זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ פֶּרֶק ב׳) ״הַמְבַעֵט בְּיִסּוּרִין, כּוֹפְלִין אוֹתָם עָלָיו״ - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטוּיסְט אִין דִי יִסוּרִין, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים דָאס גֶעשִׁיקְט פַאר אַ גוּטֶע סִיבָּה, דַאן וֶוערְן דִי יִסוּרִין נָאךְ גֶעטָאפְּלְט. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט אָבֶּער דֶעם מֶעסֶעדְזְשׁ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעשִׁיקְט מִיט יִסוּרִים, עֶר גֵייט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, דַאן וֶועלְן דִי יִסוּרִים אוּן צָרוֹת אַוֶועק גֵיין פוּן אִים.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק טְרָאץ זַיינֶע אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר וֵוייסְט אַז זַיין אֵיינְצִיגֶע אַדְרֶעס וואוּ זִיךְ וֶוענְדְן אִיז נָאר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁוֶוערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ חֵלֶק י״א עֶרֶךְ גְבוּרָה וְעֶרֶךְ יִסּוּרִין)



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# ווִי אַזוֹי הַאלְט מֶען אָן דָאס בְּרֶען וָואס מֶען הָאט אַמָאל גֶעהַאט?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם כָּל מוּז אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים אוּן עֵצוֹת אִין לֶעבְּן, וָואס הֶעלְפְט מִיר אַזוֹיפִיל, אוּן עֶס בְּרֶענְגְט מִיר אַרַיין אַ הָאפֶענוּנְג אוּן סִיפּוּק אִין לֶעבְּן.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן עֶטְלִיכֶע זַאכְן. ווֶען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים הָאט עֶס מִיר גָאר שְׁטַארְק אָנְגֶעצִינְדְן אַ גְרוֹיסֶע הִתְלַהֲבוּת אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בְּרֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ הָאבּ עֶנְדְלִיךְ גֶעטְרָאפְן אֵיינֶעם וָואס פַארְשְׁטֵייט מִיר אוּן רֶעדְט צוּ מַיין הַארְץ, אוּן עֶס הָאט מִיר שְׁטַארְק גֶעטוֹישְׁט דָאס לֶעבְּן צוּם גוּטְן; אָבֶער ווִי לֶענְגֶער עֶס גֵייט דוּרְךְ מֶער צַייט, ווֶערְט בַּיי מִיר אָפְּגֶעקִילְט דָאס בְּרֶען וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אָנְפַאנְג, אוּן מִיט דֶעם ווֶערְט אוֹיךְ ווֵיינִיגֶער דָאס מְקַיֵּים זַיין וָואס אִיךְ הֶער; ווִיל אִיךְ הָאבְּן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן אִיבֶּער דֶעם.

צְווֵייטְנְס, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַסַאךְ ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף לֶעבְּן אִינְדֶערְהֵיים, אוּן דָאס הָאט מִיר גָאר אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעוַואקְסְן מִיט אַנְדֶערֶע סָארְט הַדְרָכוֹת, בַּיי אוּנְז הָאט מֶען אַסַאךְ גֶערֶעדְט קֶעגְן תַּאֲווֹת וְכוּ'. דַארְף אִיךְ אָפְּלָאזְן מַיין בִּיז יֶעצְטִיגֶע ווֶעג, אָדֶער אִיז דָא אַ מִיטְלְוֶועג אִין דֶעם?

דְרִיטְנְס, אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד, אִיךְ לֶערְן מִיט קִינְדֶער, אוּן לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶער אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט הַאלְטְן דִי קִינְדֶער אִין דִי רַאמֶען נָאר מִיט שְׁרֵייעֶן אוּן אָנְשְׁרֶעקְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע וֶועג זֵיי צוּ הַאלְטְן אוֹיפְ'ן פְּלַאץ; דַארְף אִיךְ אָפְּלָאזְן דָאס מְלַמְּדוּת, אָדֶער אִיז דָא אַ וֶועג זִיךְ צוּ טוֹישְׁן?

אִיךְ ווֶעל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א ווֶעט מִיר קֶענֶען גֶעבְּן עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק אוֹיף דִי זַאכְן, אוּן אִיךְ הָאף צוּ זֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בְּקָרוֹב דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ** — **יוֹם ג' פָּרָשַׁת אֱמוֹר, ט"ו אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ ווֶעל פְּרוּבִּירְן צוּ עֶנְטְפֶערְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף.

אוֹיף דִי עֶרְשְׁטֶע פְרַאגֶע, אִין אָנְהֵייבּ הָאסְטוּ גֶעשְׁפִּירְט מֶער חֵשֶׁק אוּן הִתְלַהֲבוּת, דוּ ווֵייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט פָאר אַז דוּ פַארְלִירְסְט דִי בְּרֶען אוּן חֵשֶׁק.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כה): "וּבָזֶה טוֹעִין הַחֲסִידִים הַרְבֵּה, שֶׁפִּתְאֹם נִדְמֶה לָהֶם שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדַת ה'", מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה, עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי ווִי זֵיי פַאלְן אַרָאפּ פוּן זֵייעֶר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "וּבֶאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל", אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קַיין נְפִילָה, "רַק מֵחֲמַת שֶׁצְּרִיכִין לַעֲלוֹת מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה וְאָז מִתְעוֹרְרִין וּמִתְגַּבְּרִין מֵחָדָשׁ הַקְּלִיפּוֹת שֶׁהֵם הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַדִּמְיוֹנוֹת וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַמְּנִיעוֹת כַּנַּ"ל, עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ לַחֲזֹר וּלְהַכְנִיעַ וּלְשַׁבֵּר הַקְּלִיפּוֹת וְהַמְּנִיעוֹת וְכוּ' שֶׁבְּכָל מַדְרֵגָה וּמַדְרֵגָה מֵחָדָשׁ, אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל כַּנַּ"ל", דָאס אִיז נָאר ווַייל מֶען דַארְף גֵיין הֶעכֶער אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן כְּדֵי צוּ קֶענֶען גֵיין הֶעכֶער דַארְף מֶען אַרָאפְּגֵיין, מֶען דַארְף זִיךְ נָאכְאַמָאל שְׁטַארְקְן אוֹיף אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס זֶענֶען דִי אַלְטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, דֶערִיבֶּער זֶעט דָאס אוֹיס ווִי מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קַיין נְפִילָה, דָאס אִיז נָאר צוּ קֶענֶען גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער.

דִי צְווֵייטֶע פְרַאגֶע, עֶס זֶעט דִיר אוֹיס אַ סְתִירָה דִי ווֶערְטֶער וָואס דוּ הֶערְסְט דָא בַּיים רֶבִּי'ן מִיט דִי ווֶעג ווִי אַזוֹי דוּ בִּיסְט אוֹיפְגֶעוַואקְסְן, דוּ בִּיסְט אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אַז אַלֶעס אִיז תַּאֲווֹת, אַלֶעס אִיז גַשְׁמִיּוּת, מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּרֵייסְן וְכוּ' וְכוּ'; וָואס אִיךְ שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן תַּאֲווֹת? דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן תַּאֲווֹת? עֶסְן דַארְף מֶען - מֶען זָאל הָאבְּן כֹּחַ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁלָאפְן דַארְף מֶען - מֶען זָאל קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן דַארְף מֶען - צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאךְ נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן תַּאֲווֹת".

בְּלַייבּ בַּיי דַיין פְּלַאץ, מַאךְ נִישְׁט קַיין מַחֲלֹקֶת; נֶעם דֶעם רֶבִּי'ן פַאר חִיזּוּק, לֶערְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים ווֶעט זִיךְ דִיר עֶפֶענֶען דַיין מֹחַ, דוּ ווֶעסְט קוּקְן אַנְדֶערְשׁ אוֹיף דִי ווֶעלְט.

ווֶען מֶען ווֶערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, מֶען הֶערְט דֶעם רֶבִּינְ'ס קוֹל - הֵייבְּט מֶען אָן שְׁפִּירְן ווִי מֶען אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט אִין לֶעבְּן, מֶען שְׁפִּירְט ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר; וָואס מֶען דַארְף - בֶּעט מֶען אִים, וָואס מֶען ווִיל - רֶעדְט מֶען צוּ אִים; מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט אִים, דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער ווֶערְן אַ חֵלֶק אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

גְלֵייבּ מִיר, עֶס אִיז דָא אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אִין דֶעם עִנְיָן; אַ שָׁאד מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן דֶעם צוּ בְּנֵי הַנְּעוּרִים, ווָאלְטְן אַלֶע זִיךְ גֶעצוֹיגְן צוּם אֱמֶת. רוֹב פַאלְן אַוֶועק ווַייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּחַ זִיךְ צוּ רַייסְן מִיט דִי לֶעבְּן, מֶען רֶעדְט נָאר פוּן זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן, פוּן זִיךְ אָפְּטֵיילְן; דֶער רֶבִּי רֶעדְט אַנְדֶערֶע ווֶערְטֶער, דֶער רֶבִּי רֶעדְט אַזוֹי שְׁטַארְק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַז עֶס ווֶערְט אַזוֹי לִיכְטִיג, עֶס ווֶערְט אַזוֹי זִיס; גַשְׁמִיּוּת ווֶערְט רוּחָנִיּוּת, אַלֶעס ווֶערְט אֱלֹקוּת.

<<<<<< נייעס

מצות. אידן האבן געפרעגט וואס טוט מען ל"ג בעומר? "וואס מען טוט?" האט דער ראש ישיבה געזאגט, "מען שטייט אויף אינדערפרי, מען זאגט מודה אני, מען גיסט זיך אפּ נעגל וואסער, מען גייט אין מקוה, מען טוט אן תפילין, מען דאווענט שחרית און מען איז פריילך. דאס איז ל"ג בעומר"...

נאכן שיעור האט דער ראש ישיבה אפגענומען שלום פונעם ציבור אנשי שלומינו, און במשך דעם טאג האט דער ראש ישיבה אויפגענומען אינגעלייט וואס האבן געוואלט איבערשמועסן מיט ראש ישיבה עניני חינוך והנהגת הבית. ביינאכט איז פארגעקומען א שיעור התחזקות אין בית המדרש, צוזאמען מיט א סיום הש"ס פון א אינגל אונטער די בר מצוה, הילד החשוב משה ארי' יאזשעף, וואס האט זוכה געווען צו ענדיגן גאנץ ש"ס. עס האבן זיך פארזאמעלט א ריזיגער ציבור צו הערן די טייערע ווערטער פונעם ראש ישיבה, און צו שעפן פונעם קוואל פונעם הייליגן רבי'ן, דער ראש ישיבה האט געזאגט צווישן אנדערע אז ער האט ארויסגענומען פונעם היי יאריגן ל"ג בעומר אין מירון אז ער האט זיך איבערצייגט אז אידישע קינדער קומען נישט קיין אומאן אדער קיין מירון פאר שוואוילטאג, מען קומט נישט פאר פאן, ער האט מיטגעהאלטן ווי אידן וועלכע זענען צוגעוואוינט א גאנץ יאר צו א באקוועמע לעבן זענען געפארן שעות ארוכות אויף באהאלטענע וועגן געקראכן אין די וועלדער. דאס איז נישט קיין גרינגע זאך, אידיש קינדער קומען ווייל זיי ווילן זיין דבוק צו צדיקים, מען וויל זיין דבוק אין אויבערשטן.

בעת מיר גייען צום דרוק מאנטאג נאכט, הייסט עס אז מארגן וועט דער ראש ישיבה שליט"א דאווענען שחרית אין ירושלים, און דערנאך וועט דער ראש ישיבה פארלערנען דעם דף מתובל בדברי חיזוק, און אויך וועט דער ראש ישיבה גיין באזוכן די ירושלימער מוסדות די חדר און די מיידל סקול, און במשך דעם טאג ווייטער אויפנעמען אנשי שלומינו וואס ווילן זיך שואל עצה זיין. ביינאכט וועט דער ראש ישיבה שליט"א בעז"ה געבן א שיעור אין בני ברק, ווי עס וועט אויך זיין א סיום הש"ס פון א חשובער אינגער בחור וואלף ני"ו א זון פון הר"ר יואל לעווי שליט"א. דערנאך דינסטאג נאכט וועט דער ראש ישיבה שליט"א זיך צוריק קערן קיין ניו יארק נאכן איבערלאזן פילע הויפענעס פון חיזוק פאר די אידן אין ארצינו הקדושה.

**זיכה רבים וזכה, אדונינו בר יוחאי!**

דִי דְרִיטֶע פְרַאגֶע, אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט אָפְּלָאזְן דִי מְלַמְדוּת, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי אָן שְׁרֵייעֶן גֵייט עֶס נִישְׁט; אִיךְ מֵיין דוּ זָאלְסְט עֶנְדֶערְשׁ אָפְּלָאזְן דִי שְׁרֵייעֶן, שְׁרֵייעֶן אִיז אַ זַאךְ וָואס הֶעלְפְּט נִישְׁט, שְׁרֵייעֶן קוּמְט פוּן פַארְלוֹירְנְקֵייט, פוּן נִישְׁט גֶעהֶערִיג שְׁלָאפְן, פוּן נִישְׁט גֶעהֶערִיג עֶסְן, אוּן עֶס הֶעלְפְּט נִישְׁט.

אִיךְ בִּין גֶעוֶועזְן אַ מְלַמֵד, אִיךְ בִּין גֶעוֶועזְן פַארְלוֹירְן, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט קִינְדֶער וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דִי וֶועג זִיךְ צוּ מְחַבֵּר זַיין מִיט זֵיי; זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט פָאלְגְן אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט אַ וֶועג מִיט זֵיי וִוי צוּ קֶענֶען זַיין אַ גוּטֶער מְלַמֵד זֵיי זָאלְן פָאלְגְן, וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן? אִיךְ פְלֶעג גֵיין אִינְדֶערְפְרִי פַארְטָאגְס הִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ הָאבּ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט זֵיי; אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן קִינְד וִוי אַזוֹי עֶר אִיז אִין כִּתָּה, אַלֶעס אַלֶעס דֶערְצֵיילְט, אוּן בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט זֶענֶען דִי קִינְדֶער גֶעוָוארְן דִי חָשׁוּבְ׳סְטֶע קִינְדֶער; טוּ דָאס וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# אנשי שלומינו אין ארץ ישראל לעבן מיט א געהויבענע וואך במחיצת פונעם ראש ישיבה שליט"א

נאך א לאנגע צייט וואס אנשי שלומינו אין ארץ ישראל בעטן דעם אויבערשטן און בענקען האט דער אויבערשטער געהאלפן אז דער ראש ישיבה איז ב"ה אפגעפארן און אנגעקומען קיין ארץ ישראל. דער פלאן איז אז דער ראש ישיבה וועט ווייל'ן אין שטאט מירון ביז נאך ל"ג בעומר לכבוד די הילולא פון התנא אלקי רבי שמעון בר יוחאי.

מאנטאג איז דער ראש ישיבה געפארן באזוכן די הייליגע מוסדות אין בני ברק, ווי ער האט גערעדט צו די חשובע קינדער, און דערנאך געגעבן א שיעור פאר די בחורים און אינגעלייט אנשי שלומינו אין בית המדרש היכל הקודש בני ברק.

דער ראש ישיבה האט זיך דאן ארויסגעלאזט קיין מירון, און נאכדעם וואס דער ראש ישיבה האט געלאזט וויסן פאר הר"ר משה שמואל שטעסל שליט"א דער מגיד שיעור פון ישיבת היכל הקודש ירושלים אז ער וויל ביי דעם באזוך פארברענגען און מדריך זיין די חשובע בחורים, זענען די בחורים אריבערגעקומען קיין מירון, וואו זיי וועלן פארברענגען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א פאר די קומענדיגע עטליכע טעג, דער ראש ישיבה וועט מיט אויבערשטנ'ס הילף האבן די געלעגנהייט זיי צו געבן שיעורים וויאזוי זיך צו פירן און האבן א גוט לעבן מיט'ן אייבערשטן, אזוי ווי דער הייליגער רבי לערנט אונז.

דער ראש ישיבה האט גאר געשמאק פארברענגט מיט די בחורים, דער ראש ישיבה האט יעדן טאג פארגעלערנט פאר זיי די הערליכע דפים אגדתא גמרות אין מסכת בבא מציעא וואס מען לערנט יעצט, דערנאך האט דער ראש ישיבה געשמועסט מיט זיי, און געענטפערט זייערע שאלות וואס זיי האבן געהאט צו פרעגן. נאך עטליכע טעג זענען די טייערע בחורים אהיימגעפארן אנגעזאפט מיט הדרכה אויף ווייטער בעזר השם.

מיטוואך פסח שני איז דער ראש ישיבה געפארן קיין יבנאל צום ציון פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, נאכן זיין דארט א לענגערע צייט איז דער ראש ישיבה געפארן קיין טברי', ווי ער האט באזוכט ביים חדר און אין שולע.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געגעבן א שיינע שמועס אין בית המדרש היכל הקודש טברי' פאר די אינגעלייט ארומרעדנדיג פון די חיזוק וואס מען נעמט ארויס פון פסח שני, אז קיין שום איד איז נישט פארפאלן, נאר מען האט אלעמאל נאך א שאנס צוריק צו קומען צום אייבערשטן.

אויך האט דער ראש ישיבה גאר שיין ארומגערעדט פון ל"ג בעומר, און צוגעלייגט אז פון דעם וואס אין די לעצטע פאר יאר איז גאר שווער אנצוקומען צו רבי שמעון ל"ג בעומר, קען מען ארויסנעמען אז דער אויבערשטער וויל אז מיר זאלן זיך מקשר זיין מיט רבי שמעון דורך זיינע ספרים, מען זאל לערנען זוהר און תיקונים, גמרא און משניות. אוודאי איז גאר שיין און חשוב צו זיין אין מירון, מאכן א הדלקה און טאנצן לכבוד רבי שמעון, אבער דער עיקר דארף מען זען לערנען די ספרים א גאנץ יאר.

פון דארט איז דער ראש ישיבה געפארן צום ציון פון ר' מאיר בעל הנס פון דארט צוריק געפארן קיין מירון וואו ער האט שוין געוויילט דארט ביז נאך ל"ג בעומר במחיצת זיין טאטן דער קארלסבורגער רב שליט"א.

מוצאי ל"ג בעומר איז דער ראש ישיבה ווי געפלאנט געפארן קיין ירושלים עיה"ק צו מחזק זיין די תלמידים, און פארברענגען מיט זיי פאר צוויי טעג.

מאנטאג האט דער ראש ישיבה שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד היכל הקודש אין ירושלים, נאך שחרית האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט דעם דף גמרא, ווי ער האט דערנאך ארומגערעדט איבער דעם אז דער עיקר אידישקייט איז זיך פרייען מיט די פשוטע טעגליכע

<<<<<<


כולל היכל הקודש — בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

כולל היכל הקודש

## התודה והברכה

א הארציגן דאנק לידידנו היקרים

מה"ר **אהרן קליטניק** הי"ו און מוה"ר **יעקב פיש** הי"ו

פארן מנדב זיין

**פרנס החודש – חודש אייר**

אין דעמיט זוכה געווען צו נעמען א חלק אין דעם לימוד התורה פון די לומדי הכולל

בזכות דעם זאלט איר געבענטשט ווערן מיט אלעס גוטס.



כולל היכל הקודש — בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

כולל היכל הקודש

## התודה והברכה

א הארציגן דאנק לידידנו היקר

מה"ר **שמעון גאנצפריעד** הי"ו

פארן מנדב זיין

**פרנס השבוע – פרשת בהר**

אין דעמיט זוכה געווען צו נעמען א חלק אין דעם לימוד התורה פון די לומדי הכולל

בזכות דעם זאלט איר געבענטשט ווערן מיט אלעס גוטס.


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יוסף ברילל** הי"ו וויליאמסבורג

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **שמעון אביש** הי"ו קרית ברסלב

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **מרדכי הערצאג** הי"ו וויליאמסבורג

**צו די אפשערן פון זיין זון אשר לעמיל נ"י למזל טוב**

***

הבה"ח **יעקב סאמעט** הי"ו בית שמש

**צו זיין שידוך שליסן למזל טוב**

***

הבה"ח **יצחק יעקב יעקאבזאן** הי"ו בני ברק

**צו זיין שידוך שליסן למזל טוב**


## מסירות נפש אידן

**מען קומט נישט קיין מירון פאר שוואוילטאג,**
**מען קומט מיט מסירות נפש צו פועל'ן ישועות.**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 10, 2, 15**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן אי"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com** / טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >